Historical Jewish Press (JPress) of the NLI & TAU

מענטדער מא, 28.04.1927, page 4

# פון א בעזוך אין ווארשאווער ישיבות.

## אין „תורת חיים".

די דאָזיגע ישיבה געפינט זיך אויף גענשאַ 45, אינ'ם הויז פון דער פערשטאָרבענער סימע ברוידא (א פרוי פון ר' יעקב ברוידא ז"ל), וועלכע האָט דאָס הויז אוועקגעשענקט דער ישיבה.

די דאָזיגע לערן־אַנשטאַלט טראָגט אויף זיך דעם נאָמען פונ'ם פערשטאָרבענעם גאון הרב ר' חיים סאלאווייטשיק ז"ל, וועלכער האָט א פאָר יאָהר פאר זיין פטירה פערברענגענדיג בעת דער קריגס־צייט אין ווארשא געפלאַנט צו שאַפען.

די גרינדער פון „תורת חיים" זענען געווען די מיטגליעדער פון חברה ש"ס, נאַלעווקי נ' 39; זיי האָבען עס אויסגעקליבען צווישען זיך א ועד מיט ר' אליעזר בריל אַן דער שפּיץ, וועלכער האָט געטהון אלץ מעגליכע צו שטיצען די דאָזיגע ישיבה און צו זיכערן איהר עקזיסטענץ.

דער צוועק פון דער ישיבה איז נישט דוקא צו ערציהען רבנים און אַנדערע כלי קודש, נאָר ווי ווייט מעגליך צו פערשפּרייטען צווישען יודען דעם לימוד התורה.

די ראשי־הישיבה זענען: הרב ר' צבי הירש גליקסאָן (אַנ'איידעם פון ר' חיים בריסקער ז"ל) און הרב ר' משה מענדעל קאָזלאָווסקי, א געוועזענער ווילנער מורה־הוראה.

אין דער ישיבה זענען פאַראַן דריי כתות מיט א „קיבוץ". דער סדר הלימוד איז פאָלגענדער: מיט די תלמידים פון דער ערשטער כתה ווערט יעדען טאָג געלערנט א שיעור גמרא מיט תוספות, דערזעלבער שיעור ווערט אויך געלערנט מיט דער צווייטער כתה, נאָר מיט א צוגאָב פון אלע מפרשים. די דריטע כתה דיענט אלס פאָרברייטונג צום „קיבוץ", דאָס הייסט, אַז אין דער דאָזיגער כתה הויבט מען אָן צוגעוועהנען די תלמידים צו לערנען זעלבסטשטענדיג. אין „קיבוץ" לערנען די בחורים אינגאַנצען זעלבסטשטענדיג און נור צוויי מאָל אין וואָך ווערט פאר זיי געהאַלטען א שיעור.

וואָס אָנבעלאַנגט אַלגעמיינע לימודים — קומט יעדען טאָג א ספּעציעלער לעהרער, וואָס לערנט מיט די קלענערע כתות פּויליש, רעכנען, געשיכטע, געאָגראַפיע וכדומה.

בכלל, שטערט מען דאָ נישט די תלמידים, אין דער צייט, וואָס זיי זענען פריי פון לימודי קודש, זיך צו פערפאַקאָמען אויך אין אַלגעמיינע למודים.

פאָר למודי קודש ווערט אין אלע כתות ווי אויך אין „קיפוץ" אָבגעגעבען אַכט שעה אין טאָג. מתמידים לערנען פרייוויליג וויפיעל זיי ווילען.

אַזוי ווי ביידע ראשי־הישיבה זענען ר' חיים בריסקער ז"ל'ס תלמידים, ווערט אין „תורת חיים" שטרענג אָבגעהיט זיין שיטה פון לערנען.

— מיר האָבען מיט א טייל תלמידים — ערקלערט מיר איינער פון די ראשי־הישיבה — געהאַט גענוג אַרבייט ביז מיר האָבען זיי אָבגעוועהנט פון זייער איינגעאַרטיגען פּשטל'דיגען אַרט לערנען און זיי צוגעפיהרט דערצו, אַז זיי זאָלען זיך צופּאַסען צו אונזער סדר הלימוד, וועלכער איז אויסגעאַרבייט לויט'ן מוסטער פון די בעוואוסטע ליטווישע ישיבות, ווי וואָלאָזשין און אַנדערע. איך ערלויב מיר צו זאָגען, — האָט ער ווייטער צוגעגעבען, — אַז ביי אונז אין „תורת חיים" ווערען ערצויגען לומדים, וואָס פיעל פון זיי וועלען מיט עהרע קאָנען פערנעהמען דאָס כסא הרבנות אָדער ווערען ראשי־ישיבות. אַלס בעווייז קאָנען אייך דיענען פאָלגענדע פאַקטען: נישט לאַנג האָט מען זיך געווענדעט צו אונז פון ראדאָם נאָך א ראש־הישיבה. מיר האָבען זיי געשיקט איינעם פון אונזערע תלמידים, ר' פייוועל בורשטיין, וועמען זיי האָבען זעהר גערן אָנגענומען. א צווייטער תלמיד דערפילט אין אונזער איינענער ישיבה אין דער פאָרברייטונגס־כתה צום „קיבוץ", די פונקציעס פון א ראש־ישיבה.

די צאָהל תלמידים אין „תורת חיים" דערגרייכט יעצט ביז אַנ'ערך 250. כמעט א העלפט זענען פרעמדע, די איבריגע — ווארשאווער.

ווי אין אַלע ווארשאווער ישיבות, אַזוי לאָזט אויך דאָ די מאַטעריעלע לאַגע זעהר פיעל צו ווינשען. ביז מיט א יאָהר דריי צוריק האָט די אויבענדערמאָהנטע פערוואַלטונג פון „תורת חיים", וועלכע איז בעשטאַנען פון איינינע בעוואוסטע ווארשאווער נבירים, געשטיצט די דאָזיגע לערן־אַנשטאַלט מיט היבשע געלד־סומען. זינט אָבער אין פּוילען האָט אויסגעבראָכען דער עקאָנאָמישער קריזיס, האָט זיך די שטיצע פון די נותנים, וואָס ווייטער אלץ מעהר פערקלענערט און יעצט דערגרייכט זי שוין נישט מעהר ווי ביז אַנ'ערך 20 פּראָצ. פון די אַמאָליגע נדבות. צו יענער צייט, דאָס הייסט ווען דער קריזיס האָט אויסגעבראָכען אין פּוילען, איז דער רעליעף, וואָס געפינט זיך ביים דזשאָינט, געקומען דער ישיבה צו־הילף מיט א שטיצע פון 300 דאָלאַר מאָנאַטליך. דאָס איז אָבער געווען אין אָנהויב. לעצטענס האָט דער רעליעף די דאָזיגע סומע צעוואָרפען אויף 3 ביז 4 חדשים.

די הוצאות פון דער ישיבה איז א גרויסע: 80 בחורים פון דער פרעמדע ווערען אויסגעהאַלטען מיט עסען און טרינקען און בערך אַזאַ צאָהל ווארשאווער בעקומען בתורת שטיצע צו דרייסיג זלאָטעס א חודש דורך דער ישיבה.

חוץ די אויבענדערמאָנטע הוצאות, זענען אין „תורת חיים" פאַראַן נאָך אַנדערע, ווי, למשל, שכירות פאר צוויי ראשי־הישיבות, דריי רבנים, א לעהרער פון אַלגעמיינע למודים, א משגיח, א מנהל, א שמש, קיך־פערסאָנאַל, הייצונג, בעלייכטונג, רעמאָנט א. א. דאָס אַלץ בעטרעפט פון 9 ביז 10 טויזענד גילדען א חודש.

די איינקונפטע פונם הויז, וואָס די פערשטאָרבענע סימע ברוידע האָט געשענקט, זענען זעהר קליינע. אין דעם דאָזיגען הויז געפינט זיך א שטאָדטישע תלמוד־תורה, וואָס פערנעהמט 10—12 צימערן און צאָהלט לגמרי נים קיין דירה־געלד, די איבעריגע לאָקאַטאָרען זענען קרובים פון דער פערשטאָרבענער, וואָס זענען זיך גלאָט מודה־היתר בנוגע דירה־געלד צאָהלען אַזוי, אַז פונם גאַנצען הויז בלייבט אפשר אַנ'ערך 300 גילדען, ניט מערה!...

דער פּועל־יוצא דערפון איז, אַז נאָך אַלע מאַטערנישען, נעהמט מען קוים צוזאַמען אַנ'ערך 60 פּראָצענט פונם נויטיגען ביודזשעט. דאָס איבריגע באָרגט מען, וואו עס לאָזט זיך און דער דעפיציט וואַקסט. דעם פערסאָנאַל פון דער ישיבה קומט שוין פאר איבער צוויי חדשים שכירות און מען האָט נים פון וואַנען צו בעצאָהלען.

לעצטענס פיהרען זיך אונטערהאַנדלונגען מיט א פאָר ווארשאווער נדיבים, וואָס ווילען אויפשטעלען אינם זעלבען הויז נאָך א שטאָק אָדער א בעזונדער בנין בתורת נדבה, וואָס זאָל דיענען אַלס אויפהאַלטונגס־אָרט פאר די תלמידים פון דער ישיבה „תורת חיים".

אין מיין בעריכט וועגען „תחכמוני" האָבען זיך אַריינגע'גנבע'ט א פאָר אונפינקטליכקייטען: ערשטענס, אַז אין „תחכמוני" לערנט ניט קיין זוהן פון הרב רח"ע גראָדזינסקי, נאָר זיינער א נאָהנטער קרוב און, צווייטענס, אַז אין אינטערנאַט בעקומען די פרעמדע שילער צו עסען נור שבת און יום־טוב. מ. כ.